בס"ד

נצבים וילך ר"ה תשפ"ו

גליון 298

# דעם רבינ'ס ליכט

## דער ריינער קוואל

טַייעֶרע לֶעכְטִיגֶע בְּרֶסְלֶבֶ׳ער אִינְגְל, מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדֶע אִינְגְל גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין פוּן אָנְהֵייבּ חֹדֶשׁ אֱלוּל, מִיר נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאם מִצְוֹות, מַעֲשִׂים טוֹבִים, מִיר מַאכְן אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, מִיר רֶעדְן צוּם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מֶען בֶּעט אִים אִיבֶּער, כְּדֵי צוּ קוּמֶען רֵיין צוּם גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן טָאג.

מִיר ווִילְן אַלֶע מַמְלִיךְ זַיין דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פוּן דָאסְנֵיי. מִיר שְׁרַייעֶן "הַמֶּלֶךְ", אוּן מִיר נֶעמֶען זִיךְ אוּנְטֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז אוּנְז גֵייעֶן פָּאלְגְן דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נָאכְאַמָאל. פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער גֵייעֶן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיז אִיבֶּעְרָאל דָא, אַלֶעמָאל. נָאר עֶר אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת, אוּן נָאר עֶר טוּט אַלֶעס, אוּן עֶר זֶעט אַלֶעס. אוּן מִיר גֵייעֶן פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער פָּאלְגְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר אִיז דֶער מֶלֶךְ.

אָבֶּער סְ׳אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער. וַוייל סְ׳אִיז אַזַא לַאנְגֶע יָאר, אוּן אַזוֹיפִיל מָאל פַארְגֶעסְט מֶען פוּן דֶעם. נוּ, וָואס וֶועט זַיין? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז, תְּשׁוּבָה אִיז אַ וֶועג. תְּשׁוּבָה אִיז אַ לַאנְגֶע לַאנְגֶע וֶועג. מִיר וֵוייסְן שׁוֹין אַז וֶוען מְ׳גֵייט אַרוֹיס אוֹיף אַ לַאנְגֶע וֶועג, שְׁפַּאצִירְן, צוּ מְ׳פָארְט אַ וַוייטֶע פְּלַאץ, מְ׳פָארְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דַארְף מֶען גוּט קֶענֶען דִי וֶועגְן. מְ׳קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אַלֵיין אוֹיף אַ וֶועג. אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל גֵיין אִין וַואלְד, קֶען מֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אַלֵיין, אָן אַ מֻמְחֶה וָואס קֶען גוּט דִי וֶועגְן, וַוייל מְ׳קֶען זֵייעֶר גְרִינְג בְּלָאנְדְזְשֶׁען. דִי וַואלְד קוּקְט אוֹיס אִיבֶּעְרָאל דִי זֶעלְבֶּע. אַסַאךְ מָאל קוּקְט אוֹיס אַז עֶס לוֹינְט צוּ גֵיין צוּ אֵיין פְּלַאץ, שְׁפֶּעטֶער טְרֶעפְט מֶען דָארְט מְסוּכָּנְ׳דִיגֶע חִיוֹת. אֶפְשָׁר וֶועט מֶען גֵיין אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁבִיל, קֶען זַיין דָארְט מְסוּכָּנְ׳דִיגֶע מֶענְטְשְׁן. אוּן וָואס וֶועט מֶען טוּן? וִויאַזוֹי וֶועל אִיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין דִי וַואלְד? דִי וַואלְד קֶען מֶען אַרִיבֶּערְגֵיין נָאר מִיט אַ גְרוֹיסֶע גְרוֹיסֶע מֻמְחֶה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס, אַז כְּדֵי צוּ מַצְלִיחַ זַיין, כְּדֵי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, לֶעבְן אַ גַאנְצֶע יָאר מִיטְ׳ן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער הֵיילִיגֶער אִינְגְל, דַארְף מֶען גוּט קֶענֶען דִי וֶועגְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט מְ׳דַארְף זַיין אַ בָּקִי, קֶענֶען דִי וֶועג, וַוייל סְ׳אִיז דָא אַסַאךְ טֶעג וָואס אִיךְ הָאבּ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ דַאוֶונֶען אוּן צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן פָּאלְגְן טַאטֶע מִיט מַאמֶע. סְ׳אִיז דָא טֶעג וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט חֵשֶׁק. סְ׳אִיז דָא טֶעג וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטוּן עֶפֶּעס נִישְׁט אַ גוּטֶע זַאךְ, אִיךְ בִּין שׁוֹין נִכְשָׁל גֶעוָוארְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶועןן אִין כַּעַס, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט גֶענוּג גוּט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמַאכְט אַ בְּרָכָה בְּכַוָּונָה אַזוֹי וִוי סְ׳דַארְף צוּ זַיין, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ הַיינְט. וָואס וֶועל אִיךְ טוּן דֶעם טָאג?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז יֶעדֶער אִיד, יֶעדֶער אִינְגְל, יֶעדְן טָאג קֶען אוּן מוּז דִינֶען דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם. עֶר דַארְף נָאר גוּט קֶענֶען דִי וֶועג. פּוּנְקְט וֶועגְן דֶעם, אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער אִינְגְלֶעךְ, וָואס אוּנְז וֵוייסְן פוּן אַזַא גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי,

נתנדב לעילוי נשמת ר' משה יוסף ז"ל בן ר' ירוחם שמחה לייב, לזכות שנזכה בקרוב להוציא לאור ספרו הק' פניני נצח, שו"ת על ליקוטי מוהר"ן

און אונז פָארן צוּ אים אויף ראֹשׁ הַשָּׁנָה, כְּדֵי אוּנְז זָאלְן הָאבְּן אַ גוּטֶער וֶועג-וַוייזֶער, אַ מֻמְחֶה וָואס לֶערְנְט אוּנְז דִי וֶועג וְויאַזוֹי אִיז מֶען אַ גַאנְץ יָאר מִיטְ'ן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם.

אַ גַאנְצֶע יָאר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן פָּאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע מֻמְחֶה, אַ צַדִּיק, אַ גְרוֹיסֶער גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס אוֹיבּ אוּנְז וֶועלְן לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים, אוּן פָּאלְגְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט יֶעדְן טָאג, מֶען וֶועט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, לֶערְנֶען, הֶערְן וָואס אוּנְזֶערֶע רֶבִּי'ס לֶערְנֶען אוּנְז אוֹיס, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט צוּ אוּנְז יֶעדְן טָאג, וֶועלְן מִיר אַ גַאנְץ יָאר לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה, אַ גַאנְץ יָאר זַיין עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער. אֶפְשָׁר הָאבְּן שׁוֹין אַסַאךְ פוּן אַייךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן. צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר, דַארְף מֶען אַרִיבֶּערְגֵיין דִי גְרֶענִיץ. בַּיים גְרֶענִיץ דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי רֶענְצְל פוּן אוֹיטָא, אוּן דִי שׁוֹמְרִים קוּקְן גוּט גוּט אִין דִי רֶענְצְל, "וָואס הָאסְטוּ מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט? לָאמִיר זֶען וָואס הָאסְטוּ." דָאס אִיז אַ קְלֵיינֶע מָשָׁל וָואס עֶס גֵייט זַיין מִיט אוּנְז ראֹשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדֶער אִיד גֵייט אַרִיבֶּערְגֵיין בַּיים רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם - דֶער מֶלֶךְ הָעוֹלָם גֵייט זִיצְן אוֹיפְן כִּסֵּא הַמִּשְׁפָּט אוּן אַריינְקוּקְן בַּיי יֶעדְן אִיד, "וָואס הָאסְטוּ אִין דַיין הַארְץ? וָואס הָאסְטוּ אִין דַיין מֹחַ? וָואס טְרַאכְסְטוּ? וָואס וִוילְסְטוּ? וְויפִיל תּוֹרָה הָאסְטוּ? וְויפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם? וָואס טוּט זִיךְ אִין דַיין מוֹיל? וְויפִיל דִיבּוּרִים פוּן אֱמוּנָה, פוּן הִתְבּוֹדְדוּת הָאסְטוּ אִין דַיין מוֹיל?"

און אוֹיבּ חָלִילָה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶענוּג, פַאר'ן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קֶען אִיךְ זָאגְן, "טַאטֶע, פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער גֵיי אִיךְ יֶעדְן טָאג זַיין גוּט." דוּ וֵוייסְט וִוי אַזוֹי? אִיךְ גֵיי פָּאלְגְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט רֶבִּי נָתָן זָאגְן אוּנְז. רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוּנְז אוֹיס אַז תְּשׁוּבָה מֵיינְט רֶעדְן יֶעדְן טָאג אֲפִילוּ אֵיין מִינוּט מִיטְ'ן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם. יֶעדְן טָאג, יֶעדֶער יוּנְגְל, יֶעדְן טָאג גֵיי אִיךְ זָאגְן, "טַאטֶע, אִיךְ וִויל זַיין גוּט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל זַיין גוּט." דָאס מֵיינְט תְּשׁוּבָה. וֶוען סְ'וֶועט אָנְקוּמֶען ראֹשׁ הַשָּׁנָה אוּנְזֶער רַייעֶ בַּיים רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַרִיבֶּערְצוּגֵיין דִי גְרֶענִיץ צוּם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, גֵיי אִיךְ זָאגְן, 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פוּן הַיינְט וֶועל אִיךְ יֶעדְן טָאג רֶעדְן מִיט דִיר אֵיין מִינוּט, אוּן אִיךְ גֵיי זָאגְן, טַאטֶע, אִיךְ וִויל זַיין גוּט.' מִיט דִי וֶועג וֶועל אִיךְ אַ גַאנְצֶע יָאר לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ זַאךְ וָואס וֶועט אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן יֶעדְן טָאג צוּם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוּן דָאס אִיז דִי עֵצָה אַרִיבֶּערְצוּגֵיין דִי וֶועלְט.

און פַאר דִיר, טַייעֶרֶער אִינְגְל, וָואס דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ טוּן רָצוֹן הַשֵּׁם אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט פָּארְן דָאס יָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיז אִיבֶּערָאל. אוּן ראֹשׁ הַשָּׁנָה אִיז אוֹיךְ אִין יֶעדֶע פְּלַאץ וואוּ מְ'אִיז אִיז מֶען אִיז מְקֻשָּׁר צוּם הֵיילִיגְן קִבּוּץ. אוּן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר יוּנְגְל וָואס וִויל זַיין מְקֻשָּׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר פְרֵייד זִיךְ אַז זַיין טַאטֶע אִיז גֶעפָארְן, אַז זַיינֶע חֲבֵרִים וָואס זֶענֶען גֶעפָארְן, אוּן עֶר הֶעלְפְט אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶר דַאוְונְט עֶרְלִיךְ אֲפִילוּ עֶר אִיז אַלֵיין אָן זַיין טַאטְן, אִיז עֶר מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן ראֹשׁ הַשָּׁנָה. וֶוערְט גֶערֶעכֶנְט מַמָּשׁ אַז דוּ בִּיסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מִיט אַסַאךְ אַסַאךְ תְּפִלּוֹת, בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אֶפְשָׁר דִי אַנְדֶערֶע יָאר וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן. אָבֶּער יֶעצְט אִיז דִי עֲבוֹדָה זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶער וָואס אִיז גֶעפָארְן, אוּן הֶעלְפְן אַסַאךְ אִין שְׁטוּבּ, מַאכְן פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, סְ'זָאל זַיין אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ.

# אײן מעשה'לע



חֶעזְקֶעלֶע אִיז שׁוֹין ווידער מִיט זַיין תְּהִלִּים, הָאט דֶער טַאטֶע בַּאמֶערְקְט. לֶעצְטְנְס זֶעט מֶען אִים אַסַאךְ מִיטְן תְּהִלִּים אָדֶער תִּיקוּן הַכְּלָלִי. זַיינֶע לִיפְּן הֶערְן נִישְׁט אוֹיף צוּ מוּרְמְלֶען תְּפִלּוֹת אוֹיף תְּפִלּוֹת. וֶועט איר פְּרֶעגְן, וֶועלְכֶע צָרָה הָאט אִים בַּאטְרָאפְן? נִישְׁט עֶפֶּעס בַּאזוּנְדֶער. בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶר אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מִיט אַלֶע גְלִידֶער, עֶר גֵייט אוּן קוּמְט אִין חֵדֶר ווִי יֶעדֶער דוּרְכְשְׁנִיטְלִיכֶער קִינְד, אָבֶּער טִיף אִין זַיין הַארְץ הָאט עֶר אַ נָאגְנְדֶע גֶעפִיל ווָאס נָאר אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער קֶען פַארְשְׁטֵיין. דָאס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הֵייסְט עֶס אַז עֶר וֶועט נִישְׁט פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן. עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט זַיין רַייזֶע צוּ פָּארְן אֵיינְמָאל, אוֹיךְ זַיין יוּנְגֶערֶע בְּרוּדֶער הָאט שׁוֹין גֶעהַאט זַיין רַייזֶע אַ יָאר דֶערוֹיף, אַצִינְד הָאט דֶער טַאטֶע גֶעמָאלְדְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ בַּאצָאלְן פַאר טִיקֶעטְס אוּן ווִי עֶס שַׁיינְט וֶועט עֶר נִישְׁט נֶעמֶען דִי אִינְגְלֶעך.

חֶעזְקֶעלֶע הָאט נִישְׁט גֶעווָאלְט מַשְׁלִים זַיין. ״טַאטִי, בִּיטֶע, אִיךְ בֶּעט דִיךְ. כ'וֶועל זַיין אַ גוּט קִינְד, אַלֶעס פָאלְגְן, לֶערְנֶען פְלַייסִיג, זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְקְרִייגְן...״ בִּקְצוּר, עֶר וֶועט שׁוֹין זַיין אַ צַדִּיק פוּן דִי בִּיכֶער, אַבִּי צוּ קֶענֶען פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן, כְּאִילוּ דָאס אִיז דִי פְּרָאבְּלֶעם פוּן דֶעם טַאטְן. פוּן זַיין זַייט ווָאלְט עֶר אִים זַייעֶר גֶערְן מִיטְגֶענוּמֶען אָבֶּער ווָאס קֶען מֶען טוּן אַז דִי קָאסְטְן שְׁטֵייגְן ווִי אוֹיף הַייוֶון, קוֹים ווָאס עֶר קֶען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּן פַאר זִיךְ אַלֵיין אַ טִיקֶעט ווָאס דָאס אִיז דָאךְ עוֹלֶה עַל הַכֹּל, ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט.

״בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן,״ הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעעֵצָה'ט. מֶער פוּן דֶעם הָאט עֶר נִישְׁט גֶעווָאוּסְט מִיט ווָאס אִים צוּ בַּארוּאִיגְן. צוּ זָאגְן אַז ס'אִיז חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט ווִיכְטִיג אָדֶער אַז עֶר אִיז נָאךְ צוּ קְלֵיין, ווָאלְט נִישְׁט רִיכְטִיג גֶעוֶוען. ״זִיכֶער דַארְפְסְטוּ פָּארְן אָבֶּער דָאס אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן,״ הָאט עֶר אִים גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין זָאגְן.

חֶעזְקֶעלֶע הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי זַאךְ מִיטְן גַאנְצְן עֶרְנְסְטְקַייט. עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פוּן הַארְצְן טִיפְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן. זַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַ חִידוּשׁ ווָאס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן בַּאווְאוּנְדֶערְט.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט זִיךְ שׁוֹין דֶערְנֶענְטֶערְט. דִי לוּפְט שְׁמֶעקְט שׁוֹין פוּן אוּמַאן. וואוּ מֶען גֵייט אוּן שְׁטֵייט הֶערְט מֶען רֶעדְן פוּן טִיקֶעטְס, פְלִיגֶערְס, אַכְסַנְיָה'ס, רַייזֶע פְּלֶענֶער... אַלֶעס קָאכְט אוּן רִידֶערְט ווִי אוֹיף הֵייסֶע קוֹילְן וֶוען חֶעזְקֶעלֶע שְׁטֵייט אִין זַייט ווִי אַן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְטֶער. אָבֶּער דָאס הָאט אִים נִישְׁט גוֹרֵם גֶעוֶוען צוּ מְיַיאֵשׁ וֶוערְן. ווִידֶער אוּן ווִידֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעדַאווְנְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

*

״אַ גוּטְן רֶבִּי ווַייס,״ הָאט חֶעזְקֶעלֶע'ס טַאטֶע גֶעהֶערְט אַ בַּאקַאנְטֶע קוֹל. ס'אִיז גֶעוֶוען דֶער טַאטֶע פוּן זַיינְס אַ תַּלְמִיד. ״ווָאס מַאכְט מַיין הֶערְשֵׁל?״ הָאט עֶר זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט.

״בָּרוּךְ הַשֵּׁם פַיין. מְ'זֶעט ווִי עֶר שְׁטֵייגְט אָבֶּער

עֶר בְּרוּיךְ נָאךְ הִילְף.״ דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין אַ לַאנְגֶע שְׁמוּעֶס וְוי אַזוֹי מֶען קֶען הֶעלְפְן הֶערְשְׁל וַוייטֶער שְׁטַייגְן אוּן לֶערְנֶען.

פַארְן זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען הָאט הֶערְשְׁל׳ס טַאטֶע אַרוֹיסְגֶענוּמֶען עֶטְלִיכֶע בַּאנְקְנָאטְן אוּן דָאס דֶערלַאנְגְט פַארְן רֶבִּי׳ן. ״דָאס אִיז פַאר אַייךְ, אוֹיף אַייעֶר גֶעטְרַיישַׁאפְט,״ הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן, דֶערְבַּיי הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן צוּ הַאלְטְן אַ נָאנְטֶע אוֹיג אוֹיף הֶערְשְׁל.

חֶעזְקֶעלֶעס טַאטֶע קוּמְט אַהֵיים אוּן קוּקְט אִיבֶּער וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם תַּלְמִיד׳ס פָאטֶער אוּן בַּאמֶערְקְט אַז ס׳אִיז גָאר נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶער סְכוּם. ״חֶעזְקֶעלֶע, אִיךְ מֵיין אַז זַאכְן הֵייבְּן זִיךְ שׁוֹין אָן צוּ קָאכְן,״ הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן בַּאגֵייסְטֶערְט.

חֶעזְקֶעלֶע הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט טַאנְצְן אִיבֶּער דִי בֶּעטְן פַאר גְרוֹיס שִׂמְחָה אַז עֶר גֵייט שׁוֹין פָארְן קַיין אוּמַאן אָבֶּער דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז שִׂמְחָה אִיז שְׁטֶענְדִיג גוּט, דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן פַאר דִי גוּטְס אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג אָבֶּער מֶען דַארְף נָאךְ אַ גַאנְצֶע יְשׁוּעָה. ס׳פֶעלְט נָאךְ הִיבְּשֶׁע אַ גְרוֹיסֶע טֵייל פַאר דִי רַייזֶע שְׁפֶּעזְן.

חֶעזְקֶעלֶע הָאט מִיט בַּאנַייטֶע כֹּחוֹת וַוייטֶער מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל ווירְקְלִיךְ קֶענֶען פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן נָאךְ דִי יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

״אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?״ הָאט אַ אִיד אָנְגֶעפְרֶעגְט חֶעזְקֶעלֶעס טַאטֶע? עֶר הָאט זִיךְ גֶענוֹיטִיגְט אִין עֶפֶּעס אַן אַרְבֶּעט וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז הָרַב וֵוייס זָאל אוֹיסְפִירְן.

חֶעזְקֶעלֶע׳ס טַאטֶע הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי אַרְבֶּעט. וְוי אִיבֶּערְרַאשְׁט אִיז עֶר גֶעוָוארְן וֶוען עֶר הָאט בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט דִי גֶעהַאלְט אַז עֶס הָאט גֶעדֶעקְט פּוּנְקְט וָואס עֶס הָאט נָאךְ אוֹיסְגֶעפֶעלְט פַאר חֶעזְקֶעלֶע׳ס טִיקֶעט צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

חֶעזְקֶעלֶע הָאט אַיינְגֶעפַּאקְט זַיין רֶענְצְל מִיט אַ שַׁיינֶענְדִיגֶע שְׁמֵייכְל. גָארְנִישְׁט אִיז אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען אוֹיף דִי לַאנְגֶע נְסִיעָה, אַבִּי עֶר פָארְט צוּ רֶבִּי׳ן. יָא, עֶר הָאט גֶעפּוֹעֶל׳ט!

טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, עֶס דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ שׁוֹין דִי טֶעג. דֶער לוּחַ צֵייגְט שׁוֹין אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אוֹיפְן וֶועג. נָאךְ עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים בִּיז צוּם רֶבִּינְ׳ס הֵיילִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה. בְּרֶסְלֶבֶ׳ער קִינְדֶער, ס׳אִיז שׁוֹין צַייט צוּ מִתְפַּלֵל זַיין. שְׁפָּארְט נִישְׁט קַיין תְּפִלּוֹת, בֶּעטְס אוּן דַאוְונְט אַז מִיר אַלֶע אִינְאֵיינֶעם זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ פָארְן צוּם רֶבִּין צוּם הֵיילִיגְן קִבּוּץ.

אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן שׁוֹין טִיקֶעטְס אָדֶער אַז זֵייעֶר טַאטֶע הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן בְּעֶזְר הַשֵּׁם פָארְן, דַארְפְן נָאכְאַלְץ אַיינְרַייסְן. דִי הִיסְטָארְיֶע הָאט שׁוֹין גֶעוויזְן אַז גָארְנִישְׁט אִיז פַארְזִיכֶערְט. מֶען דַארְף בֶּעטְן אוּן הֵייס מִתְפַּלֵל זַיין אַז דֶעם רֶבִּינְ׳ס הֵיילִיגֶע קִבּוּץ זָאל קֶענֶען צוּשְׁטַאנְד קוּמֶען אוּן אִינְאֵיינֶעם זָאלְן מִיר דֶערְנֶענְטֶערְן דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה דוּרְךְ דֶעם רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

חֲזַק וְאַמֵּץ!!!

**די מעשה פון חעזקעלע האבן מיר געשריבן פאר א פאר יאר צוריק און וואונדער איבער וואונדער אז דאס יאר האט זיך איבערגעשפילט די זעלבע מעשה נאר מיט קלייע חילוקים, מיר זען די כח התפלה פון די טייערע קינדער...**

# זכרונות פון א זיבן יעריגער אינגעלע



**פון זיין נסיעה אויף אומאן ראש השנה, אין יאר תשנ"ה - זעקס יאר נאכדעם וואס מען האט זוכה געווען אז די טויערן פון רוסלאנד האבן זיך געעפנט.**

אזוי ווי מיר גרייטן זיך צום גרויסן יום הדין, ווען יעדער פאקט זיך צאם זיינע פעק און זעק און איילט זיינע טריט צום נהר המטהר מכל הכתמים - דער ציון פון הייליגן רבי'ן, יעדער מיט זיין וועג וואס ער דארף שפרייזן, מיט זיינע מניעות און שוועריגקייטן וואס ער דארף איבערשפרינגען, כדי צו פאלגן דעם צדיק, דער ראש בני ישראל וואס האט געזאגט: "גאר מיין זאך איז ראש השנה", האבן מיר זיך געזעצט א שמועס מיט ר' הערשל הי"ו א אינגערמאן פון בית שמש, וואס ברענגט ארויף זכרונות פון זיין ערשטע נסיעה אלס קינד, און וואספארא השפעה עס האט געהאט אויף זיין לעבן...

"הערן און זיך שטארקן צוזאמען שבכל נסיעה ונסיעה של כל אחד ואחד, יהיה לה חלק בקץ הגאולה" (אנשי מוהר"ן עמוד צב אות ד).

### א גוטן ר' הערשל, כאטש ס'איז שוין דא פון דעם אסאך יארן, וואס געדענקט איר פון אייער ערשטע נסיעה?

איך בין געווען דעמאלס זייער קליין, אזוי אז די זכרונות זענען עפעס נישט גאר קלאר, איך געדענק נישט קיין הכנות אדער ווארטן אויף די נסיעה, אפשר האט מיין טאטע אלעס מסדר געווען און איך בין נאר געקומען צום גרייטן... בכל אופן, וואס איך געדענק יא אז מיר זענען געפארן צוזאמען מיט מיין פעטער - מיין טאטנ'ס ברודער, וועלכער האט אויך מיטגענומען א קינד אין מיין עלטער, אזוי אז איך האב געהאט מיט וועמען צו שפילן און פארוויילן די צייט צוזאמען.

איך דארף צוריק אריינגיין אין א קאפ פון א זיבן יעריגער קינד, זיך צו דערמאנען לויט מיין דעמאלדיגער בליק. איך געדענק אסאך טאטעס, מ'פארט, מען דאוונט, מען עסט, איך געדענק אז ווען מיר זענען אנגעקומען האבן מיר נישט געפונען אלע רענצלעך...

### וואס מיינט? נישט אלע רענצלעך זענען אנגעקומען?

היינט קען אויך אמאל געשען אזא זאך, אבער אמאל איז דאס געווען אן אפטע ערשיינונג. די גאנצע מדינה איז געווען דעמאלס זייער אונטערשטעליג אין אלע אינזיכטן אזוי אז ס'האט זיך געמאכט אפט. גראדע איז דאס

נישט געווען אונזער רענצל נאר פון מיין קרוב. ער איז געבליבן אן קיין מינימאלישע וועש צו בייטן... מ'האט גערעדט אז ס'דארף אנקומען די רענצל, אבער למעשה האב איך זיך געדארפט צוטיילן מיט אים מיט מיינע וועש! איין חלק איז ער געגאנגען און די צווייטע העלפט איך... ס'איז געווען א קאלטע וועטער יענעם יאר און מיר האבן זיך צוטיילט איינער איז געגאנגען דאס מאנטל און דער צווייטער די שאל, אזוי אויך די שבת'דיגע בגדים פון יום טוב. איך קען זיך פארשטעלן אז ער איז נישט געווען פונקט אין מיין מאס, אזוי אז ס'איז געווען אן אינטערעסאנטע מצב. אויפן וועג צוריק אהיים, אין עירפארט, האבן זיי צוריק באקומען די רענצל מיט אלע זאכן.

## ווי אזוי איז געווען דער מצב אין אומאן אליין?

מיר זענען איינגעשטאנען ביי בנימין, א עלטערער אוקריינישער איד וועלכער פלעגט פארדינגען ביי זיך אין שטוב בעטן פאר די אידן וואס קומען צום קיבוץ. איך געדענק מענטשן פלעגן פרעגן מיין טאטע אויפן גאס: "וואו שטייטסטו איין?" און מיין טאטע פלעגט ענטפערן: "ביי בנימין". דער עולם האט שוין געקענט די אכסניות דארטן... אבער פאר מיר זעלבסט איז נישט געווען אזוי אנגענעם צו איינשטיין ביי דעם בנימין...

## אזוי? פארוואס?

ער האט געהאלטן אין שטוב א קעצל וואס פלעגט זיך דרייען אין שטוב ווי זי וואלט געווען א חלק פון דער הויז-געזינד... זי האט זיך געדרייט צווישן די בעטן שפאצירט געמיטלעך פון איין צימער צום אנדערן. איך געדענק אז איך האב זייער מורא געהאט פון וואו זי גייט מיר ארויסוואקסן... ס'איז געווען פאר מיר דאס ערשטע מאל צו זען אזא זאך אז א מענטש זאל אריינלאזן א קעצל ביי זיך אין הויז. איך האב אלץ געמיינט א קעצלעך וואינען נאר ביי די מיסטן... אבער מיט דעם אלעם איז געווען פיין. איך האב זיך צום סוף צוגעוואוינט צום דער מצב.

## קענסט געדענקען נאך חסידים וואס זענען געקומען צום קיבוץ?

ממש פערזענליך געדענק איך נישט. איך בין נישט געווען א אינגל וואס האט זיך געדרייט מיט אנשי שלומינו. מיין טאטע איז געווען א שטיקל מקורב, אזוי אז אלע מענטשן זענען מיר געווען פרעמד. איך דערמאן זיך אז ר' אפרים נחמן אנשין שליט"א האט פארקויפט די זיך פלעצער אין קלויז, פשוט ווייל זיין זון איז געווען מיין רבי אין חדר יענעם יאר, האט מיר מיין טאטע דערציילט אז ער האט געקויפט פלעצער ביי מיין רבי'ס טאטע!

ס'איז נאך דעמאלס נישט געווען קיין קלויז נאר מען האט צוגעשטעלט א גרויסע זאל וואס דארט האט מען געדאווענט און געגעסן א.א.וו.

אויפן וועג צוריק געדענק איך אז מיין טאטע האט ארומגערעדט מיט אנדערע ברסלב'ע חסידים אז ס'איז געווען א קיבוץ פון פינעף טויזנט מענטשן... איינער האט געהאלטן אז מער, איינער ווייניגער. איך פון מיין ווינקל האב זיך צוגעהערט פון זייט צום שמועס.

## ה געדענקסט דעם חצר פון רבינ'ס ציון?

ניין, איך געדענק גארנישט פון רבינ׳ס ציון. איך ווייס נישט פארוואס, אבער כאטש איך געדענק נישט דעם חצר און מיין תיקון הכללי זאגן א.ד.ג. איז אין מיר איינגעפלאנצט געווארן אין יענע נסיעה א נאנטע התקשרות צום רבי׳ן אנדעם איך זאל בכלל וויסן און פארשטיין אז עס ליגט באהאלטן אין מיר.

## וואס מיינטסו צו זאגן מיט דעם?

אזוי ווי אויבנדערמאנט, בין איך נישט געקומען פון א ברסלב׳ע סביבה, כאטש מיין טאטע פלעגט דאווענען פון מאל צו מאל אין שול אין מאה שערים, אבער איך האב נישט געהאט קיין שום השגה אין רבי׳ן אין זיינע שיחות און הייליגע עצות. למעשה בין געווארן דערוויטערט פון דעם אמת׳ן גוטן לעבן אן צו וויסן בכלל וואס איך דערלייג, ווען איך בין עלטער געווארן - אלס בחור האב איך געפילט א ליידיגקייט אין הארץ, בין איך געווארן מקורב צו איינעם פון די באקאנטע חסידות׳ן אין ירושלים, איך פלעג לערנען חסידישע ספרים, און אסאך אריינגיין צום רבי׳ן פון דעם חסידות רעדן מיט אים, גיין צו טישן א.א.וו.

## אזוי האסטו אפגעלאזט דעם רבי׳ן מיט זייגע עצות?

איך האב נישט געוואוסט וואס איך האב אז איך זאל פארשטיין וואס איך דערלייג... איך געדענק אז איך פלעג זיך בענקען צום נוסח פון די תפילות ראש השנה, די ווארעמע ניגונים וואס עפנט און צעברעכט דאס הארץ... מיין טאטע פלעגט אלע יארן, ווען ער איז נישט געפארן קיין אומאן, דאווענען ביים קיבוץ אין מאה שערים, אזוי אז די תפילות זענען מיר געווען איינגעבאקן אין הארץ, אזעלכע תפילות איז זייער שווער צו געפינען ערגעץ אנדערש...

אבער ביי דעם האט זיך עס אפגעשטעלט, איך האב געפילט שטענדיג א חסרון. איך האב געזוכט א וועג, אין די יארן פון ישיבה גדולה בין איך געווארן א שטיקל עובד. איך פלעג דאווענען א לאנגע צייט, און לערנען שעות רצופות, אבער אזוי ווי דער רבי דערציילט אין מעשה פון דער רב און דער בן יחיד אז ער האט נישט געשפירט א טעם אין זיין עבודה... נאך אלץ האב איך נישט געפילט א טעם און א חיות און מיין לעבן, אזוי ארום האב איך חתונה געהאט, אויפגעשטעלט א שטוב, און כ׳האב שוין געהאט צוויי קינדער, געהאט שיין פרנסה, א.א.וו. אלעס פון אויבן אויף איז געווען פיין און שיין, נאר די הארץ האט געבענקט נאך עפעס וואס איך ווייס נישט וואס, אין איינע פון די טעג האט מיין פרוי געטראפן אין שטוב א ספר ״שבחי ושיחות הר״ן״ וואס איך האב באקומען ביי מיין בר מצוה פון א חבר פון מיין טאטע, און זי איז מורא׳דיג נתפעל געווארן, אזעלכע טיפע שיחות פיל מיט אמת און תמימות, אזוי צוביסלעך איז דער צדיק אריינגעקומען ביי אונז אין דערהיים, ניי עצות, א נייער וועג אין לעבן.

## וואס איז דיר עפעס געווען א חידוש? די האסט דאך שוין געוואוסט פון רבי׳ן?

אוודאי איז מיר געווען א חידוש! איך האב געוואוסט פון אלס קינד אז ס׳איז דא ברסלב, אנשי שלומינו מען פארט אויף אומאן, אין מירון, מען זינגט בני היכלא שלש סעודות א.א.וו... אבער איך האב נישט געוואוסט פונעם צדיק! איך האב נישט אויפגעכאפט אז ס׳איז דא

א צדיק וואס פארשטייט מיין לעבן, ער האט אויף מיר שוין אויסגעקוקט און קען מיר העלפן! יעצט היינטיגע צייטן, אזוי ווי איך בין! דאס איז געווען פאר מיר א געוואלדיגער חידוש!

דו טראכסט אז ס'איז דא פארבינדונג צווישן די נסיעה אלס קינד, צו דע נייער התקרבות אלץ יונגערמאן?

אוודאי! בלי ספק! דער הייליגער רבי דערציילט א משל (חיי מוהר"ן תר"ג לענין עסק הקיבוץ שלו) אז ס'איז דא א געוויסע פייגל וואס לייגט זייער זייער אסאך אייער, אזויפיל אז זי קען נישט זיצן אויף זיי אלע אינאיינעם, כדי ס'זאל קענען געבוירן ווערן פון דעם קליינע פייגלעך, האט איר ה' יתברך באשאפן מיט אזא נאטור אז זי נעמט אירע אייער און פליט ארום צווישן די ביימער און וואו זי טרעפט א נעסט לייגט זי דארט שטיל אריין אפאר אייער, אן דעם וואס די 'באלאבוסטע' פון דער נעסט זאל כאפן. אזוי גייט זי צו נאך א נעסט און לייגט נאך אפאר אייער, אלעס ביטערטיש אז די פייגלעך פון די אנדערע נעסטן זאלן נישט באמערקן, אזוי צושפרייט זי רוב אייער אין אנדערע נעסטן. נאר אפאר אייער לאזט זי איבער נעבן איר און זי זיצט אויף זיי ביז זיי וואקסן אויף.

דערווייל, די פייגלעך פון די אנדערע נעסטן זיצן אויף די אייער אן דעם וואס זיי זאלן וויסן אז ס'איז גארנישט זייער אייגענע אייער, ביז עס ווערן געבוירן קליינע פייגלעך פון די אייער. דאן קומט די מאמע מיט אירע פייגלעך פון איר נעסט און פליט ארום מיט זיי איבער אלע נעסטן און זיי שרייען און קוויטשקען הויך און ווען די פייגעלעך פון אלע נעסטן הערן דעם קול, ציען זיי צו איר און לויפן שנעל אוועק פון זייער נעסט צו איר ווייל זי איז זייער אמת'ע מאמע, אזוי קומען צוריק צו איר אלע אירע קינדער!

דער רבי האט נישט דערציילט דעם נמשל, נאר האט געזאגט אז די נמשל איז פארשטענדליך פאר ווער עס האט אביסל השגה און ווייסט אביסל פון די גרויסקייט פון די הנהגה ווי אזוי דער רבי פירט זיך מיט זיינע מענטשן.

אמאל ווערט איינער מרוחק ערגעץ כדי ער זאל זאל זיך בויען אביסל, זיך אוועקשטעלן, דעמאלס קען ער שוין הערן דעם הייליגן קול פון רבי'ן וואס וועקט אים אויף זיך צו פרעגן "וואו בין איך אויף דער וועלט?!" און גלייך קומט ער צוריק צו לויפן צום צדיק...

יישר כח ר' הערשל, ס'איז מורא'דיג מחזק! וואס קענט איר איבערגעבן די ליינער צום אויספיר?

פון מיין מעשה קען מען זיך לערנען אז אפילו א מענטש קומט צום רבי'ן בקטנות, ער ווייסט נישט אפילו פארוואס ער איז געקומען, האט דער רבי א תיקון אויך פאר אים. ער איז אריין אין די רשימה פון דער רבינ'ס לייט! אסאך מאל קומט מען צום רבי'ן אויף ראש השנה און מען וויל פילן הרגשות צו באקומען אורות... אבער דער אמת איז אז מען דארף זיך שטארקן מיטן עצם פארן, אז איך האב זוכה געווען צו ברענגען מיין פעקל ביינער צום צדיק! דאס איז דער עיקר, איך קען שוין טאנצן און זיין פריילעך וואס מען איז זוכה. מער פון דעם איז שוין מתנות פון רבי'ן!

דער אויבערשטער זאל העלפן איר זאלט אלע האבן א גוט יאר, און ווערן פארשריבן בספרן של צדיקים אמיתיים!




אין קורצן פון פריער:

*מיר האבן געענדיגט דורכצוגיין דאס יאר תקס"ה. אצינד טרעטן מיר אריין אין יאר תקס"ו, דער פערדער יאר פון רבי נתנ'ס התקרבות צום רבי'ן.*

## נייע אנטפלעקונגען

יאר תקס"ו איז געווען אן אנגעפילטע יאר פאר רבי נתן אין זיין געהויבענע דינסט ביים רבי'ן. ער האט אסאך געשריבן פון רבינ'ס חידושים און געגאנגען אויף פארשידענע שליחות'ן פאר דעם רבי'ן.

אין איינע פון די עשרת ימי תשובה טעג, ווען דער רבי איז ארויסגעקומען פון מקוה, האט ער זיך אנגערופן, "מען האט מיר מגלה געווען פון הימל תיקונים פאר אייך; וויפיל און וועלכע טעג אין יאר יעדער איינער דארף פאסטן פאר זיין תיקון הנפש. און דאס זאל ער אנהאלטן דורכאויס זיין גאנץ לעבן – יעדע יאר באזונדער דארף ער זיך נוהג זיין צו פאסטן אין די דאזיגע טעג.

נאך די ימים טובים זענען די חסידים אריין צום רבי'ן, כדי צו הערן אנווייזונג אויף וועלכע טעג יעדער דארף פאסטן.

רבי נתן שרייבט דערוועגן:

"דער רבי האט געהאט א צעטל פאר זיך און ער האט אריינגעקוקט דערין. מען האט נישט געזען וואס עס שטייט דארט, וויבאלד דער רבי האט דאס נישט געוויזן פאר קיינעם, אבער דאס האט מען יא געזען אז איידער דער רבי האט אויסגערעכנט די טעג, האט ער אריינגעקוקט אין דעם צעטל און טיף אריינגעקלערט, מיט א שטארקע אנשטרענגונג, ביז ער האט ארויסגעזאגט וועלכע טעג אין יאר מען דארף פאסטן. מען האט געקענט דערקענען אז די תעניתים וואס דער רבי הייסט פאסטן, זענען הויכע ענינים וואס דער רבי איז משיג."

דער רבי האט דאן געהייסן פאר יעדן זיך צו פארשרייבן אויף א צעטל די אנגעגעבענע פַּאסְט טאג און ער האט שטארק אנגעווארנט אז מען זאל אפהיטן די צעטל עס זאל זיך נישט פארלירן.

דער רבי האט צוגעלייגט געוויסע אנווייזונגען

בנוגע די פַאסְט טעג: אויב איינע פון די טעג געפאלט אמאל אויס אום שבת, אדער אין א טאג וואס על פי הלכה טאר מען נישט פאסטן, זאל מען אפשטופן דעם תענית אוף א טאג שפעטער. אין די חדשים ווען עס געפאלט דעם תענית, זאל מען ספעציעל געווארנט זיין אין מעשר פון די פארדינסטן. ראש השנה, אין דער צייט ווען דער רבי גרייט זיך צו זאגן תורה, זאלן די חסידים דעמאלט מקבל זיין אויף זיך צו פאסטן די אלע תעניתים פון צעטל במשך דאס גאנצע יאר. און צום לעצט, א חסיד וואס וועט נישט זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה, זאל ער יענעם יאר נישט פאסטן אין זיינע אנגעגעבענע טעג.

פאר רבי נתן האט דער רבי געהייסן פאסטן אין די פאלגענדע טעג: י"א טבת, כ"ב אדר, ט"ז אייר, י"א סיון.

מיט די הנהגה האבן זיך די חסידים געפירט פאר א תקופה פון צוויי יאר. ווען דער רבי איז צוריקגעקומען פון לעמבערג (ווי עס וועט שפעטער בעז"ה געשילדערט ווערן באריכות), האט דער רבי געמאלדן אז ער איז מבטל די תעניתים. ער האט ערקלערט, "ממה נפשך, דער וואס קומט נישט אויף ראש השנה, דארף נישט פאסטן, און ווידער, דער וואס קומט יא צו אים אויף ראש השנה, פאר אים פעלט שוין נישט אויס צו פאסטן!"

רבי נתן טוט ערקלערן, אז דער טויש אין הדרכה איז געווען צוליב דעם וואס דער רבי איז דאן געשטיגן אין זיינע מדריגות. ער האט שוין געקענט אראפברענגען פאר זיינע חסידים תיקונים פאר די וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, אפילו זיי פאסטן נישט!

פאר רבי נתן האט דער רבי באזונדער אנגעזאגט, אז כאטש וואס ער דארף מער נישט פאסטן אין די טעג, זאל ער אבער ווייטער ממשיך זיין צו שטארק געווארנט זיין אין די מצוה פון מעשר א גאנץ יאר בכלל און נאך מער אין די דאזיגע חדשים וואס ער האט געדארפט פאסטן.

## די חידושים פון ספר הנשרף

נאך סוכות איז ביי רבי נתן אין שטוב ליכטיג געווארן ווען עס איז אים געבוירן געווארן א צווייטער זון! ביי רבי נתן איז דאס געווען א געוואלדיגע שמחה, נאכדעם וואס ער האט געווארט כמעט צען יאר פון דער חתונה צו געהאלפן ווערן מיט א זרע של קיימא. דער רבי האט דאן גענומען פון רבי נתן א פדיון און האט אים געוואונטשן מיט זרע של קיימא. ערב שבת קודש פרשת תולדות, ראש חודש כסלו תקס"ג איז רבי נתן געבענטשט געווארן מיט אן ערשטע קינד. אצינד, דריי יאר שפעטער איז רבי נתן ווידער געבענטשט געווארן מיט נאך א קינד!

דער ברית איז געפראוועט געווארן אין א דערהויבענעם שטימונג. רבי נתן האט גערופן דאס קינד מאיר. נאך דער ברית איז שוין רבי נתן ווידער געוועזן אויפ'ן וועג צום רבי'ן. ס'איז א שאד פאר די צייט...

אריינקומענדיג צום רבי'ן, האט אים דער רבי געוויזן דעם ספק הנשרף צום ערשטן מאל. (פאריגע

קאפיטל האבן מיר געשריבן אז דער רבי האט אנטפלעקט פאר רבי נתן אז ער האט חידושי תורה וואס איז זייער א הויכע דרגה, אבער ער האט דאס אים נאכנישט געוויזן.) דער רבי האט אים יעצט פארגעזאגט חידושים פון דעם ספר.

רבי נתן האט שפעטער דערציילט אז ער האט איבערגענומען די הייליגע און טיפע חידושים וואס ער האט געהערט פון רבי'ן, כאטש וואס ער האט נישט פארשטאנען קיין איין ווארט. א צייט שפעטער, יענעם ווינטער, האט רבי נתן איבערגעשריבן א חלק פון דעם ספר.

אין יענע תקופה האט דער רבי געהייסן פאר רבי נתן אז עס איז שוין געקומען די צייט צו אנהייבן צו פארשרייבן זיינע אייגענע חידושי תורה.

## ספר המידות

פאר חנוכה איז רבי נתן ווידער געווען אין ברסלב פאר בערך דריי וואכן. אין דער צייט האט ער געענדיגט איבערשרייבן דעם הייליגן ספר המידות (אלף בית) וואס ער האט אנגעהויבן צו אראפשרייבן אינמיטן זומער פון יאר תקס"ג.

רבי נתן שרייבט וועגן די שלשלת פון דעם ספר המידות:

"ווען איך האב געשריבן דעם ספר האלף בית, פלעגט דער רבי פארזאגן פון זיינע כתבים און איך האב געשריבן. עס האט גענומען א לאנגע צייט עס צו פארענדיגן, ווייל לכתחילה ווען איך האב אנגעהויבן, האב איך געשריבן נאר בערך א האלבע בויגן און דערנאך האט זיך נישט געמאכט קיין געלעגנהייט פארצוזעצן, ביז דריי - פיר חדשים שפעטער.

א צייט שפעטער בין איך געזעסן מיט'ן רבי'ן און געשריבן נאך אביסל, אבער ווייטער איז די ארבעט געבליבן שטעקן פאר א תקופה פון בערך צוויי יאר. דאן, פאר חנוכה פון יאר תקס"ו, האב איך געוויילט אין ברסלב פאר דריי וואכן און יעדן טאג בין איך געזעסן מיט'ן רבי'ן פאר עטליכע שעה אן אפשטעל, ביז די ארבעט פון איבערשרייבן מסודר דעם ספר איז פארטיג געווארן, געלויבט צום באשעפער.

פאר'ן רבי'ן איז דאס געווען אן אנגעשטרענגטע עבודה, אבער מיט זיין אויסטערלישע אהבת ישראל האט ער אוועקגעגעבן אלע זיינע כוחות פאר א זאך וואס וועט מזכה זיין כלל ישראל.

איינמאל איז געווען ווען איך האב פארברענגט מיט'ן רבי'ן כמעט א גאנצן טאג שרייבנדיג דעם ספר המידות, בשעת דער רבי ליינט פאר. פארנאכטס האט דער רבי זיך אנגערופן, "יעדע זאך וואס איך דארף ערלעדיגן, וויל איך אלעמאל ענדיגן תיכף אן אפצושטופן און איבערלאזן אויף שפעטער. אויב וואלט מעגליך געווען צו ענדיגן שרייבן דעם ספר האלף בית אין איין טאג, וואלט איך עס גערן געטון."



# מיינע בחור'ישע יארן

## צווייטע קאפיטל

אִין קוּרְצְן פוּן פְּרִיעֶר:

ר' בֵּירך דֶערְצֵיילְט אַלֵיין אִין אַ טֶעיפּ אִיבֶּער זַיינֶע בְּחוּר'ישֶׁע יָארְן אִין פּוֹילְן ווִי אַזוֹי זַיין רֶבִּי, ר' אַבְרָהָם יִצְחָק ווַייסְזָאנְד ז"ל אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן. אוּן יֶעצְט לֵיינְט ווַייטֶער:

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אִין לָאדְזְשׁ - אַ צַדִּיק אוּן אַ עוֹבֵד הַשֵּׁם ר' שְׁלֹמֹה גַּבְרִיאֵל ווָאס הָאט זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן קַיין ווַארְשָׁא. דֶער ר' שְׁלֹמֹה גַּבְרִיאֵל אִיז גֶעוֶוען דֶער רֶעכְטֶער הַאנְט פוּן ר' אַבְרָהָם בַּ"ר נַחְמָנְ'ס. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אַז ר' אַבְרָהָם הָאט אִים אֲפִילוּ גֶעגֶעבְּן צוּ פָארְלֶערְנֶען בְּחַיָּיו.

עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז עֶר וֶועט אִיבֶּערְנֶעמֶען נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן ר' אַבְרָהָם אָבֶּער דֶער ר' שְׁלֹמֹה גַּבְרִיאֵל אִיז לֵיידֶער נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְגֶערְהֵייט. מַיין רֶבִּי, רֶבִּי אַבְרָהָם יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן ר' שְׁלֹמֹה גַּבְרִיאֵל.

ר' אַבְרָהָם יִצְחָק הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַיינְפְלַאנְצְן טַייעֶרֶע בֵּיימֶעלֶעךְ אִין אוֹסְטְרוֹבְצָא. עֶס זֶענֶען דָארְט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן גָאר אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם. אָבֶּער לֵיידֶער אִיז בַּיים רֶבִּי'נְס זַאךְ דָא אוֹיךְ הִתְנַגְּדוּת. וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַוֶועק פוּן זֵייעֶרֶע רֶבִּי"ס, אִיז גֶעוֶוען אַ הִתְנַגְּדוּת, אָבֶּער אַסַאךְ שֵׁיינֶע אִידְן זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן.

אִין אוֹסְטְרוֹבְצָא אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע שׁוּלְן, אֵיין אַלְטֶע שׁוּל פוּן בְּעֶרֶךְ אַכְט הוּנְדֶערְט יָאר אַלְט, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ חַסִידִישֶׁע שְׁטִיבְּלֶעךְ. אִינְגֶעלַייט מִיט בָּחוּרִים וֶועלְכֶע פְלֶעגְן לֶערְנֶען אִינֶעם אַלְטְן שׁוּל הָאבְּן זִיךְ נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ ר' אַבְרָהָם יִצְחָק, וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט ווִיסְן אַ פְּשַׁט אִין גְּמָרָא אָדֶער תּוֹסְפוֹת פְלֶעגְט מֶען אִים פְרֶעגְן אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ קְלָאר גֶעמַאכְט דֶעם גַאנְצְן עִנְיָן, אַלֶע בָּחוּרִים פוּנֶעם שׁוּל הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַזַא גוּטֶער מַגִּיד שִׁיעוּר ווָאס הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ לֶערְנֶען רִיכְטִיג אוּן הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן שֶׁעצֶע אוּן גֶעזֶעצְט אוֹיבְן אָן בַּיים מִזְרָח ווַאנְט אוּן גֶעשְׁטַאנֶען פַאר אִים אוּן זִיךְ אָנְגֶענוּמֶען פַאר זַיין כָּבוֹד.

אֵיינֶער פוּן דִי מְקֹרָבִים אִיז גֶעקוּמֶען מִיט זַיין זוּן. עֶר אִיז פַארְדֶעם גֶעפָארְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּנֶעם יוּד הַקָּדוֹשׁ, אִים אַלֵיין פְלֶעגְט מֶען הַאלְטְן פַאר אַ רֶבִּי. אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ מְקוֹרָב, יְשַׁעְיֶ'לֶע וֶועלְכֶע אִיז אוֹיךְ גֶעפָארְן צוּ אַסַאךְ רַבֵּיים. עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ פַייעֶרְדִיגֶער בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, וֶוען דִי מִלְחָמָה הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן הָאבּ אִיךְ אִים נָאךְ גֶעטְרָאפְן אִין לוּבְּלִין. אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט אַנְטְלָאפְן פוּן מַיין שְׁטָאט קַיין לוּבְּלִין, בִּין אִיךְ

אַרַיין אִין בְּרֶסְלֶבֶ'ער שְׁטִיבְּל הָאבּ אִיךְ אִים גֶעטְרָאפְן, עֶר אִיז נָאךְ גֶעקוּמֶען מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעדַאוְונְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאר עֶטְלִיכֶע אִידְן אַלְס פַּחַד פוּנֶעם קְרִיג.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מְקוּרָב צְוֵויי בְּרוּדֶער, מֹשֶׁה'לֶע אוֹסְטְרוֹבְצֶער [מֹשֶׁה דָּוִד טֶעבִּיל] אוּן פֶּסַח מֵאִיר. מֹשֶׁה'לֶע אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָּן, אַז דֶער אוֹסְטְרוֹבְצֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן פַאר אַ חַבְרוּתָא. אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט מֹשֶׁה'לֶע בְּחַבְרוּתָא אָבֶּער עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט מִיר, עֶר אִיז גֶעוֶוען עֶלְטֶער פוּן מִיר, אוּן גֶעקֶענְט בֶּעסֶער פוּן מִיר, הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט מִיט מִיר.

דָאס אִיז גֶעוֶוען מֹשֶׁה'לֶע, נַאכֶער אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן אֵיינֶער יֶענְקְל צוּקֶערְמַאן, עֶזְרִיאֵל, יוֹשְׁעֶ'לֶע. אִין אָסְטְרוֹבְצֶא אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן חַיִּים יְהוֹשֻׁעַ, דֶער שׁוֹחֵט. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אֲלֶכְּסַנְדֶּר חָסִיד, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס הָאט גֶעהֵייסְן מֹשֶׁה מֶענְדְל, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד נָאךְ פוּן פְרִיעֶר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט אִים מְקַרֵב גֶעוֶוען, אֶפְשָׁר ר' בֶּנְצִיוֹן [אַפְּטֶ'ער] אִיךְ וֵוייס נִישְׁט. עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם.

דֶער מֹשֶׁה מֶענְדְל הָאט גֶעהַאט נָאךְ אַ בְּרוּדֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן יִשְׂרָאֵל לֵייבּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען מַיין בֶּעסְטֶער חַבֶר, מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בֵּיידֶע צוּזַאמֶען. עֶס אִיז גֶעוֶוען יְחִיאֵל מֵאִיר הַאלְפֶּערִין, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ יִשְׂרָאֵל יוּדָא רָאזֶענְבֶּערְג,

גֶעוֶוען אַ מָרְדְּכַי [מָאטְל] קְרֵיינְדְל, עֶר אִיז שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן גֶעוֶוען אַ בֶּעקֶער, אוּן הָאט זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעהַאלְטְן תּוֹרָה אוּן פְלֶעגְט כְּסֵדֶר שְׁטִיצְן אָרֶעמֶעלַייט אוּן גֶעהַאט אַן אָפֶענֶעם טִיר פַאר זֵיי. ר' מָרְדְּכַי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן ר' אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן אוּנְזֶער רֶבִּי ר' אַבְרָהָם יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶער אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען בְּהֶצְנֵעַ לֶכֶת בִּפְרָט מִיט אוּנְז אִינְגֶע בָּחוּרִים פְלֶעגְט עֶר נִישְׁט רֶעדְן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת נָאר מִיט דִי גְרוֹיסֶע בָּחוּרִים.

וֶוען אוּנְז פְלֶעגְט מַאכְן אַ סִיּוּם אוֹיף אַ פֶּרֶק אִין גְמָרָא תּוֹסְפוֹת פְלֶעגְן מִיר גֵיין אִין וַואלְד מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם, וַוייל אוּנְזֶער חַבֶר מָרְדְּכַי קְרֵיינְדְל אִיז גֶעוֶוען שְׁוַואךְ בְּגוּף, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע לוּפְט, הָאט זַיין טַאטֶע גֶעבֶּעטְן פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי'ן מִיר זָאלְן גֵיין אִין וַואלְד, עֶר פְלֶעגְט אוּנְז גֶעבְּן חַלּוֹת אוּן זִיסֶע זַאכְן צוּ מַאכְן אַ סְעוּדֶה'לֶע אִין וַואלְד. נָאכְן סְעוּדָה הָאט ר' אַבְרָהָם יִצְחָק גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז מִיד עֶר וִויל זִיךְ גֵיין אָפְּרִיעֶן אַבִּיסְל, אָבֶּער נָאךְ אַ שָׁעָה הָאבְּן מִיר בַּאמֶערְקְט וִוי עֶר קוּמְט צוּרִיק מִיט גֶעשְׁוָואלֶענֶע פַארְוֵויינְטֶע אוֹיגְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן!!

ר' מָרְדְּכָי'ס טַאטֶע ר' מֹשֶׁה, הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז זַיין מָאטְל זָאל וַואקְסְן אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן וֶוערְן אַ מו"ץ אִין אֵיינֶע פוּן דִי שְׁטֶעטְלֶעךְ פוּן פּוֹילְן הָאט עֶר גֶעדִינְגֶען אַ גוּטְן מְלַמֵּד פַאר זַיין זוּן זָאל מִיט אִים לֶערְנֶען הֲלָכָה, יוֹרֶה דֵעָה אוּן חֹשֶׁן מִשְׁפָּט עֶר זָאל קֶענֶען בַּאקוּמֶען דִי הוֹרָאָה. דֶער מְלַמֵּד אִיז

געווען דער זון פונעם גאון ר' יְהוֹשֻׁעַ דער רב אין אוֹסְטְרוֹבְצֶא, און ר' מָרְדְּכַי האט טאקע באקומען די הוֹרָאָה, אבער פּארט האט ער נישט געווען הַנָּאָה האבן פון כִּתְרָהּ שֶׁל תּוֹרָה ער האט ענדערש געוואלט מְקַיֵּים זיין דעם 'טוֹב תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ' האט ער נאך זיין חֲתוּנָה געעפנט זיין געשעפט און פון דעם געצויגן זיין פַּרְנָסָה.

יִצְחָק אַיְיזִיק גְרִינְבּוֹים, אלע חֲבֵרִים מיינע. יְחִיאֵל צִיטְרְנְבּוֹים, דָּוִד קְלֵיינְמַאן וואס איז אויך פריער מְקוֹרָב געווארן, ער איז געווען אן אויסנאם. די ערשטע צייטן פלעגט מען ביי אים איינדערהיים זיך צאמנעמען פאר די וְעַד, ווען מען פלעגט צוזאמען לערנען, געמאכט סְעוּדוֹת, געמאכט רִקוּדִין.

נאך צוויי בעסטע חֲבֵרִים וואס איך דערמאן זיך יעצט בְּשַׁעַתְ'ן רעדן, איינער האט געהייסן צָדוֹק מְנַחֵם, זיי זענען געווען לוּבְּלִינ'ער חֲסִידִים, און איינער איז געווען לייבל גאלדוואסער, הא! אַ תַּכְשִׁיט! ס'איז מיר זייער שווער זיך צו דערמאנען די אלע חֲבֵרִים מיינע, אבער וואס קען מען טון הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ ווייסט וואס ער האט געטון. עַל כָּל פָּנִים מען דארף מען כאטש זען מען זאל זיך אלעמאל דערמאנען. געווען גאר א טייערער איד ר' יַעֲקֹב, געקומען פון מוּנְקַאטְשׁ, נאך איז געווען משֶׁה יַעֲקֹב טאפער, געווען אסאך בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים, אלס איז געווען א דאנק דעם היילִיגן רַבִּי'ן.

# אויף וואס ביסטו משבנע?

המשך פון די לעצטע זייט

צעמישט, מיט אַ זארג אויף די פָּנִימֶ'ער. יוֹסִי'ס ווערטער האבן געמאכט אז זיי זאלן פארלירן די געדולד און אנהייבן מוטשען זייערע טאטעס מיט נערוועזע שְׁאֵלוֹת יעדע דריי מִינוּט.

אַ קלוגער איד וואס איז געשטאנען דערנעבן האט זיך צוגעהערט צו יוֹסִי'ס שְׁמוּעֶס. ער איז צוגעגאנגען צו אים אין א זייט און אים געזאגט מיט אַ באזונדערע חֵן: "טייערער אינגל, דו פארסט דאך צום רַבִּי'ן, ריכטיג? איך האב געזען אז דו האסט א געוואלדיגע כֹּחַ הַדִּיבּוּר, און אלע דיינע חֲבֵרִים הערן דיך אויס און גלייבן דיינע ווערטער. אֶפְשָׁר קענסטו ניצן דיין כֹּחַ זיי צו בארואיגן און האלטן פארנומען? ערקלער זיי אז דאס זענען נאר מְנִיעוֹת, און אלעס איז לְטוֹבָה.

רעד צו זיי דִּבְרֵי חִיזּוּק; אֶפְשָׁר קענסטו זיי דערציילן שיינע מַעֲשִׂיּוֹת וואס דו ווייסט פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ?"

יוֹסִי האט זיך פארטראכט און פארשטאנען וואס דא איז געשען. גלייך האט ער זיך געכאפט, צוזאמענגערופן זיינע חֲבֵרִים, און מיט פולע זיכערקייט געזאגט: "הערט אויס, מיר זענען נאך יונג, און קענען אזא היילִיגע נְסִיעָה זענען דאס גאר קליינע מְנִיעוֹת. מיר האבן די כּוֹחוֹת דאס איבערצוקומען מיט שִׂמְחָה און מיט געשמאק."

דאס איז דער כֹּחַ הַדִּיבּוּר וואס מען קען ניצן פאר סיי וועלכע זייט - אנצוצינדן אדער צו בארואיגן, אפצושוואכן אדער מְחַזֵּק צו זיין.

# דיינו...

מיר זינגען היינט א שיינעם געזאנג
פארן באשעפער א גרויסן דאנק
געגעבן ראש השנה א מתנה לרבינו

**דיינו**, לאמיר זינגען דעם אשרינו
שזכינו, להתקרב לרבינו
דיינו לאמיר זינגען דעם אשרינו
ראש השנה - א מתנה, לרבינו

וואלטן מיר אזויפיל יארן
צום רבי'נס קיבוץ געפארן
די ליכטיגע וועג אין די הייליגע טעג דיינו
**דיינו...**

א תיקון הכללי אונז צו פאררעכטן
דעם ווידוי דברים אפצורעכטן
מיט א פרוטה, לצדקה, דיינו
**דיינו...**

די תפלות און נוסחאות אזוי הייליג
מיט'ן הייליגן קיבוץ געהאט א חלק
אלע אינאיינעם, נישט מזלזל קיינעם, דיינו

נאר מיט שמחה
נודה לשמחה
מען פארפאקט שוין דעם רענצל
מוצאי יום טוב, א שיינעם טענצל
דיינו, לאמיר זינגען דעם אשרינו
שזכינו, להתקרב לרבינו

## אַ שְׁמוּעֶס פוּן ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל

ר׳ נתן פלעגט זאגן א 'הלכה' אום ראש השנה, צווישן דעם ערשטן טאג אינעם אנדערן טאג. דער רבי פלעגט אויך זאגן תורה די צייט. דעם לעצטן ראש השנה איז ר׳ נתן נישט אראפ געגאנגען זאגן קיין 'הלכה', און אונזערע לייט האבן זייער געווארט אויף דעם, די הלכות זיינע זענען געווען געוואלדיג, ממש אש להבה, ס'האט געברענט א פייער ביי זאגן דעם 'הלכה' – אבער דאס יארווארט מען און ר׳ נתן גייט נישט אראפ זאגן דעם הלכה.

איז ארויפגעגאנגען ר׳ אפרים ב"ר נפתלי צו ר׳ נתן'ען, און געזאגט; "רבי נתן, דער עולם איז דאך אזוי משתוקק הערן פון אייך"?! האט ר׳ נתן געזאגט א תירוץ דארטן פארוואס ער קען נישט אראפגיין.

ר׳ אפרים האט אבער פארשטאנען אז ס'איז נאר א תירוץ, ר׳ נתן האט טאקע דעם ראש השנה קיין הלכה נישט געזאגט.

פארוואס טאקע? האט ער אזוי געזאגט; "איך האב א קוק געגעבן און איך געזען אז מענטשן קומען אויף ראש השנה ווייל זיי ווילן הערן די הלכה מיינע - דערפאר קומען זיי אויף ראש השנה, איך בין דאך נאר א מענטש, אפשר וועל איך איבער א יאר שוין נישט זיין - אזוי האט ער געזאגט ממש א נבואה - וועט אויסקומען אז די מענטשן וועלן וויסן אז ר׳ נתן איז שוין נישט דא, דארף מען נישט קומען אויף ראש השנה, מ'וועט שוין נישט הערן אן הלכה, אבער אז דער רבי האט געזאגט "**מיין זאך איז ראש השנה**" איז עס נישט מקושר מיטן זאגן א 'הלכה'! דער רבי האט דאך געזאגט "**יא דאוועגען נישט דאוועגען**" - האב איך געוואלט ווייזן אז דער ראש השנה איז נישט תלוי אין מיין הלכה"!

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת




זֶענֶען זֵיי [גֶעגַאנְגֶען – אוּן זֶענֶען] גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'מְדִינָה'! הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעפְרֶעגְט [פוּן] דִי 'וַוארְטֶעס' [שׁוֹמְרִים]: "וָואסְפַארַא [סָארְט] 'מְדִינָה' אִיז דָאס?! אוּן וֶוער אִיז אֵייעֶר 'מֶלֶךְ'"?!

הָאט מֶען זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בַּאֲשֶׁר [אַז פוּן] דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] דֶער 'רוּחַ־סְעָרָה' אִיז גֶעוֶוען – דֶעמָאלְט הָאבְּן זִיךְ דִי 'לַייט' פוּן 'דֶער מְדִינָה' אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן: אַז דֶער 'תַּכְלִית' אִיז, דֶער 'דִיבּוּר' – הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען [אוֹיף זֵיי], אַ 'דַבְּרָן' אַ 'בַּעַל־לָשׁוֹן' פַאר אַ 'מֶלֶךְ'!

דֶערְנָאךְ, הָאבְּן זֵיי גֶעפוּנֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן 'בַּעַל לָשׁוֹן וּמְלִיצָה' אוּן [זֵייעֶר] אַ [גְרוֹיסְן] 'דַבְּרָן'!

הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ'! – וָוארְן דֶער 'מֶלֶךְ', הָאט אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען דִי 'מְלוּכָה' – וַוייל עֶר אִיז אַזוֹי אַ 'בַּעַל־לָשׁוֹן'"!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטוֹיסְן "[אַז] דָאס מוּז בְּוַודְאַי זַיין, דֶער 'מֵלִיץ', פוּן אוּנְזֶער 'מֶלֶךְ' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"! הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן: "אוֹיבּ סְ'אִיז מֶעגְלִיךְ, זִיךְ צוּ זֶעהְן מִיט דֶעם [דָאזִיגְן] 'מֶלֶךְ'"?! הָאט מֶען זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "[אַז] מְ'מוּז מֶעלְדֶעוֶוען הָאט מֶען גֶעמֶעלְדֶעוֶועט [גֶעפְרֶעגְט רְשׁוּת]!

הָאט עֶר גֶעהֵייסְן "אַז זֵיי זָאלְן אַרַיינְקוּמֶען"! זֶענֶען 'זֵיי' – אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם 'מֶלֶךְ' [פוּנֶעם דָאזִיגְן מְדִינָה]! – אוּן דָאס אִיז [טַאקֶע] גֶעוֶוען דֶער 'מֵלִיץ' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ'!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ – דֶערְקֶענְט! אִיז גֶעוֶוען צְוִוישְׁן זֵיי אוֹיךְ, 'זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה', אוּן 'בְּכִיּוֹת' אִיז דֶער 'מֵלִיץ' מִיט זֵיי אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען!

זֶענֶען זֵיי [דִי 'פִינֶעף אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע חֲבֵרִים': 'מְמוּנֶה'. 'גִבּוֹר'. 'בַּעַל־תְּפִילָה'. 'חָכָם'. 'מֵלִיץ'] וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען זוֹכְן! – טָאמֶער וֶועלְן זֵיי גֶעפִינֶען דִי 'אִיבְּרִיגֶע'. וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן: "אַז 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ' הֶעלְפְט זֵיי [אַז] זֵיי גֶעפִינֶען אַלֶעמָאל זֵייעֶרֶע 'חֲבֵרִים'"! – אוּן זֵיי הָאבְּן דָאס אַלְץ אָנְגֶעהָאנְגֶען, אִין דֶעם 'זְכוּת' פוּן זֵייעֶר כָּשֵׁר'ן 'בַּעַל־תְּפִילָה', וָואס עֶר אִיז תָּמִיד מִתְפַּלֵל דֶערוֹיף! אוּן דוּרְךְ זַיינֶע תְּפִילוֹת, זֶענֶען זֵיי זוֹכֶה אַלְץ, צוּ גֶעפִינֶען זֵייעֶרֶע 'חֲבֵרִים'!

זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען! – טָאמֶער וֶועלְן זֵיי נָאךְ גֶעפִינֶען [אוֹיךְ] דִי 'אִיבְּרִיגֶע'!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען – אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'מְדִינָה'! אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעפְרֶעגְט: "וָואסְפַארַא [סָארְט] 'מְדִינָה' אִיז דָאס?! אוּן וֶוער אִיז אֵייעֶר 'מֶלֶךְ'"?! הָאט מֶען זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט:

"אַז זֵיי זֶענֶען פוּן דֶער 'כִּיתָּה', וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן: 'אַז דֶער 'תַּכְלִית' אִיז, אַז מְ'זָאל 'שִׁיכֶּערְן', אוּן 'פְרֵיילֶעךְ' זַיין'! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען עֶפֶּעס אַ 'שִׁיכּוֹר' פַאר אַ 'מֶלֶךְ'! – וָוארְן עֶר אִיז תָּמִיד 'פְרֵיילֶעךְ'!

דֶערְנָאךְ, הָאבְּן זֵיי גֶעפִינֶען אַ 'מֶענְטְשְׁן', וָואס

עֶר אִיז גֶעזֶעצְן אִין אַ ׳יַם פוּן וַויין׳! – אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר וואוּיל־גֶעפֶעלְן, בֶּעסֶער – וָוארְן ׳דֶער׳ אִיז זִיךְ בְּוַודְאַי, ׳זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שִׁיכּוֹר׳ – וָוארְן עֶר זִיצְט זִיךְ אִין אַ ׳יַם פוּן וַויין׳!

הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ ׳מֶלֶךְ׳״! הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן [אַז]: ״מְ׳זָאל זִיךְ מִיט אִים זֶעהְן״?! אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן מְ׳הָאט גֶעמֶעלְדֶעוֶועט [גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת]!

זֶענֶען ׳זֵיי׳ – אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם [דָאזִיגְן] ׳מֶלֶךְ׳! – אוּן דָאס אִיז [טַאקֶע] גֶעוֶוען דֶער ׳אוֹהֵב־נֶאֱמָן׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ – וָואס ׳עֶר׳ [דֶער ׳אוֹהֵב־נֶאֱמָן׳] אִיז גֶעזֶעצְן אִין דֶעם ׳יַם פוּן וַויין׳, וָואס עֶר [דֶער ׳יַם פוּן וַויין׳] אִיז גֶעוָוארְן, פוּן דִי ׳רֵייד׳ פוּן דֶעם ׳מֵלִיץ׳, וָואס עֶר הָאט גֶעטְרֵייסְט זֵיי, כַּנַ״ל.

וִוי זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים – הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט – אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע! אִיז [אוֹיךְ] צְוִוישְׁן זֵיי – גֶעוֶוען אַ ׳גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה׳, אוּן ׳בְּכִיוֹת׳, כַּנַ״ל. אִיז דֶער ׳אוֹהֵב־נֶאֱמָן׳, אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט זֵיי!

זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ ׳מְדִינָה׳! הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט [פוּן] דִי ׳וַוארְטֶעס׳ [שׁוֹמְרִים]: ״וֶוער אִיז בַּיי אַייךְ אַ [וֶוער אִיז עֶנְקֶער] ׳מֶלֶךְ׳״?! הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט:

״אַז זֵייעֶר ׳מֶלֶךְ׳, אִיז אַ ׳יְפַת־תּוֹאַר׳! – מַחֲמַת [וַוייל] זִי בְּרֶענְגְט צוּם ׳תַּכְלִית׳! – וָוארְן דֶער ׳תַּכְלִית׳ אִיז, ׳יִשׁוּב הָעוֹלָם׳ , כַּנַ״ל.

אוּן פְרִיעֶר אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶוען [עֶפֶּעס] אַ ׳יְפַת־תּוֹאַר׳, פַאר אַ ׳מַלְכָּה׳! – דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעפוּנֶען אַ ׳יְפַת־תּוֹאַר׳, וָואס זִי אִיז ׳ווִילְד־שֵׁיין זֵייעֶר׳ – הָאבְּן זֵיי ׳זִי׳ [אִיר] אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ ׳מַלְכָּה׳״!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטוֹיסְן ״[אַז] דָאס מוּז בְּוַודְאַי זַיין דִי ׳בַּת־מַלְכָּה׳ הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן: ״אוֹיבּ מְ׳קֶען זִיךְ זֶעהְן מִיט אִיר״! אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן מְ׳הָאט גֶעמֶעלְדֶעוֶועט [גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת]!

זֶענֶען ׳זֵיי׳ [דִי אַלֶע ׳זֶעקְס חֲבֵרִים׳], אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער ׳מַלְכָּה׳! הָאבְּן זֵיי זִי [אִיר] דֶערְקֶענְט: ״אַז דָאס אִיז דִי [טַאקֶע] ׳בַּת־מַלְכָּה׳ אַלֵיין״! אוּן דִי [גְרוֹיסֶע] ׳שִׂמְחָה׳ וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען – קֶען מֶען בְּוַודְאַי נִישְׁט מְשַׁעֵר זַיין [אָפְּשַׁאצְן]!

הָאבְּן זֵיי זִי [אִיר] גֶעפְרֶעגְט: ״וִוי [וִויאַזוֹי] קוּמְסְטוּ אַהֶער״! הָאט זִי זֵיי דֶערְצֵיילְט: ״אַז דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] דֶער ׳רוּחַ־סְעָרָה׳ [שְׁטוּרֶעם־וִוינְט] אִיז גֶעוֶוען – אוּן הָאט אוֹיסְגֶעכַאפְּט דָאס ׳טֵייעֶרֶע קִינְד׳, פוּן דֶער ׳וִויג׳ [בֶּעטְל] אַרוֹיס, כַּנַ״ל. אִיז זִי [דֶעמָאלְט] תֵּיכֶּף ׳בְּשַׁעַת בֶּהָלָה׳ [דִי טוּמֶעל], [אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן] נָאכְגֶעלָאפְן נָאךְ דֶעם ׳קִינְד׳! – אוּן זִי הָאט עֶס [אִים] נִישְׁט גֶעפוּנֶען!

הָאט זִי [אִיר] דִי ׳מִילֶעךְ׳ גֶעשְׁפַּארְט – אוּן דֶערְפוּן אִיז גֶעוָוארְן, אַ ׳יַם פוּן מִילֶעךְ׳! דֶערְנָאךְ – הָאבְּן זִי גֶעפוּנֶען ׳דִי מְדִינָה׳! – אוּן הָאבְּן זִי [אִיר] אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ ׳מֶלֶךְ׳ אוֹיף זֵיי״! אוּן סְ׳אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ ׳גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה׳!

אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוֹיךְ: ״אוֹיף דֶעם ׳טֵייעֶרְן קִינְד׳ וָואס סְ׳אִיז נִישְׁט דָא – אוּן אוֹיף אִיר ׳פָּאטֶער׳ אוּן ׳מוּטֶער׳ וָואס זִי וֵוייסְט פוּן זֵיי נִישְׁט״! אוּן הַיינְט, הָאט שׁוֹין דִי ׳מְדִינָה׳ אַ ׳מֶלֶךְ׳ אוֹיךְ – וָוארְן דָא אִיז זִיךְ [דָאךְ] שׁוֹין דָא ׳אִיר מַאן׳,

פוּן דֶער [דִי דָאזִיגֶע] 'בַּת־מַלְכָּה' וָואס זִי אִיז דָא גֶעוָוארְן 'מַלְכָּה'! – וָוארְן דֶער 'גִבּוֹר', אִיז זִיךְ אִיר 'מַאן' הָאט שׁוֹין דִי 'מְדִינָה', אַ 'מֶלֶךְ'!

הָאט דִי 'בַּת־מַלְכָּה' גֶעבֶּעטְן [פוּן] דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה': "אַז עֶר זָאל דֶערְוַוייל גֵיין אִין 'אִיר מְדִינָה', אוּן זָאל זִי [דָאס] דֶערְוַוייל אַבִּיסְל רֵיינִיגְן, פוּן זֵייעֶר 'מִיאוּס' [גְרוֹיסְן מִיאוּסְ'ן] שְׁלֶעכְטְס'"!

וָוארְן וַוייל [וְוייבּאלְד] בַּיי זֵיי אִיז דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית' גֶעוֶוען, אַ 'יְפַת־תּוֹאַר' זֶענֶען זֵיי בְּוַודַאי זֵייעֶר 'מְזוּהָם' גֶעוֶוען [אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין שְׁלֶעכְטְס], אוּן זֶענֶען זֵייעֶר גֶעלִיגְן אִין 'דֶער [דָאזִיגֶער] תַּאֲוָה'"!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאט זִי גֶעבֶּעטְן [פוּן] דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה': "אַז עֶר זָאל גֵיין, אוּן זָאל זֵיי דֶערְוַוייל אַבִּיסְל רֵיינִיגְן דֶערְפוּן"! "אַז זֵיי זָאלְן [דֶערְוַוייל] נִישְׁט אַזוֹי [שְׁטַארְק] גְרָאבּ [פַּארְגְרֶעבְּט] זַיין אִין דֶעם [דָאזִיגְן] 'שְׁלֶעכְטְס'"! – וָוארְן חוּץ וָואס סְ'אִיז אַ 'תַּאֲוָה' – אִיז דָאס נָאךְ בַּיי זֵיי גֶעוֶוען, אַזוֹי־וִוי אַ 'אֱמוּנָה', אַז דָאס אִיז דֶער 'תַּכְלִית'! אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאט זִי גֶעבֶּעטְן [פוּן] דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה': "אַז עֶר זָאל גֵיין, אוּן זָאל זֵיי רֵיינִיגְן אַבִּיסְל דֶערְוַוייל"!

# תְּפִלָּה אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

## (לוֹיט תפלה א' חלק שני)

בַּאשֶׁעפֶער אֵיינְצִיגֶער, דֶערְבַּארִים זִיךְ אוֹיף מִיר מִיט דַיין פִילֶע רַחֲמָנוּת אוּן דַיין שְׁטַארְקֶע גְעַנַאד מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט גְרוֹיס הֵיילִיגְקַייט אוּן רֵיינְקַייט, מִיט פָארְכְט אוּן לִיבְשַׁאפְט אוּן מִיר גְרוֹיס פְרֵייד אוּן שִׂמְחָה. וַוייל דוּ הָאסְט מִיט דַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוּנְז אוֹיסְגֶעוֶועלְט צְווִישְׁן אַלֶע פֶעלְקֶער אוּן אוּנְז גֶעהֵיילִיגְט מִיט דַיינֶע מִצְוֹת, הָאסְט מִיט אוּנְז גֶעטוּן אַ גְרוֹיס חֶסֶד אוּן גֶעגֶעבְּן דִי גוּטֶע מַתָּנָה, וָואס דָאס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַ הֵיילִיגֶע שְׁרֶעק-פָּארְכְטִיגֶע טָאג – וֶוען דַיין קֶענִיגְרַייךְ וֶוערְט גֶעפֶעסְטִיגְט אוּן דוּ גְרֵייטְס אָן דַיין כִּסֵּא מִיט חֶסֶד אוּן דוּ זִיצְט דָארְט מִיט אֱמֶת.

מִיט דַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת הָאסְטוּ בַּאשְׁטִימְט דֶעם גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן טָאג, דֶער גְרוֹיסֶער פָּארְכְטִיגֶער יוֹם הַדִּין אִינֶעם טָאג רֹאשׁ חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, וַוייל רֹאשׁ חֹדֶשׁ אִיז דֶער טָאג וֶוען דוּ אַלֵיין בֶּעטְס כִּבְיָכוֹל אַ פַּארְצֵייאוּנְג פַאר פַארְקְלֶענֶערְן דִי לְבָנָה (ווי חֲזַ"ל זָאגְן) 'הָבִיאוּ עָלַי כַּפָּרָה עַל שֶׁמִּעַטְתִּי אֶת הַיָּרֵחַ' וָואס פוּן דָארְט וֶוערְט נִמְשַׁךְ אַלֶע אוּנְזֶערֶע זִינְד, דֶערִיבֶּער הָאבְּן מִיר אַ פִּתְחוֹן פֶּה צוּ קוּמֶען צוּ דִיר אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוּן חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע זִינְד אִין אָט דֶעם גְרוֹיסְן טָאג - דֶער יוֹם הַדִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל דוּ אַלֵיין הָאסְט דַאן אוֹיךְ חֲרָטָה אוּן בֶּעטְס אַ כַּפָּרָה.

חַסְדֵי ה' כִּי לֹא תָמְנוּ", כִּי לֹא כָלוּ רַחֲמֶיךָ לְעוֹלָם, דַיין חֶסֶד הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּגֶעטוּן פוּן אוּנְז, אֲפִילוּ מִיר הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם גֶעטוּן וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן הָאסְטוּ שׁוֹין מְגַלֶּה גֶעוֶוען מֵרָחוֹק דַיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע שְׁטַארְקֶע מֶערְדֶערֶע חֲסָדִים וֶועלְכֶע זֶענֶען פָּארְכְטִיג אוּן גְרוֹיס אוּמְצָאלִיג, אָן קֵיין שִׁיעוּר, אֵין סוֹף וְאֵין תַּכְלִית.

pe: ____________



# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (16)

**א. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען ? און ווער איז זייער קעניג?**

- ❑ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

**ב. איבער וועלכע פלעצער איז דער מליץ נישט אריבער?**

- ❑ איבער דעם פלאץ פון דער בעל תפלה און דער גבור און דער ממונה
- ❑ אין די מעשה שטייט נישט איבער וועם ער איז אריבער
- ❑ איבער די פלאץ פון דער חכם און דער אוהב נאמן

**ג. אין וועמענס זכות האבן זיי אנגעהאנגען דאס אז זיי טרעפן זיך צוזאם?**

- ❑ פון דעם גבור
- ❑ פון דעם ממונה
- ❑ פון דעם בעל תפלה וואס איז שטענדיג מתפלל אויף דעם

**ד. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען ? און ווער איז זייער קעניג?**

- ❑ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

**ה. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם געקומען? און ווער איז זייער קעניג?**

- ❑ צו די כתה וואס זייער קעניג ווערט נישט געשפייזט פון עסן פון די אנדערע מענטשן – און דאס קינד איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון ישוב העולם און די בת מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון רציחה און די מלכה איז זייער קעניג

**ו. פארוואס האבן זיי גענומען די בת מלכה פאר קעניג?**

- ❑ ווייל זי איז א טאכטער פון קעניג
- ❑ ווייל זי איז א יפת תואר
- ❑ ווייל זי איז געזעסן אין א ים פון מילך

**ז. אויף וואס האבן געוויינט די אנשי המלך און די בת מלכה?**

- ❑ אויף דעם טייערן קינד
- ❑ אויף איר טאטע און מאמע
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס האט די בת מלכה געבעטן פון דעם בעל תפלה?**

- ❑ צו א ביסל ריינגן דערווייל די מדינה פון ישוב העולם פון זייער מיעוס שלעכטץ
- ❑ צו ריינגן די מדינה פון ישוב העולם פון זייער מיעוס שלעכטץ
- ❑ צו א ביסל ריינגן דערווייל אלע מדינות פון זייער טעות

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**וועלכע פון די אנשי המלך האט געקעניגט אויף צוויי מדיות, - און אויף וועלכע צוו מדיות האט ער געקעניגט ?**

**וואו זעט מען ביי די מעשה וואס מיר האבן די וואך געלערנט אז "אביסל איז אויך גוט" ?**

**תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (15)**

ווער זענען דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דִי מְדִינָה של עשירות ? דִי גָאטִין

אִיז דָארְט גְיוֶוען שמחות ובכיות–דער רבי איז מסביר פארוואס איז גיווען שמחות און בכיות ? דער רבי איז מסביר נאר פארוואס עס איז געווען בכיות - זֵיי הָאבִּן גְיוויינְט ווי גִיפִינְט מֶען נָאךְ דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע

און דִי גָאטִין (דְהַיְינוּ דִי עֲשִׁירִים פוּן דֶער מְדִינָה) – קוק אריין אין די מעשה אויף לשה"ק וואספארא ווארט לייגט צו דער רבי אויף זיי ? השוטים

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# אויף וואס ביסטו משבנע?




דִי פִּיר בַּאדִינֶער פוּנֶעם קֶענִיג זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוּן אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גֶעוִויסֶע מְדִינָה, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט דִי וֶועכְטֶער דָארְט וָואס אִיז זֵייעֶר פַּאךְ אוּן מִיט וָואס זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אָפּ. הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז זִינְט עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ שְׂטוּרֶעם, הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעוֶועלְט 'רֶעדְן' אַלְס זֵייעֶר צִיל. צוּם עֶרְשְׁט הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען אַ פְּלִיסִיגְן רֶעדְנֶער פַאר אַ קֶענִיג, אָבֶער שְׂפֶּעטֶער הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מוּמְחֶה אִין שְׂפְּרַאךְ, אַ גֶעוַואלְדִיגֶער בַּעַל דַּרְשָׁן מִיט אַ שְׂטַארְקֶע אַיינְפְלוּס, אוּן אִים הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט פַאר זֵייעֶר קֶענִיג.

דֶער כֹּחַ הַדִּיבּוּר הָאט אַ טִיפֶע אוּן שְׂטַארְקֶע הַשְׁפָּעָה. דוּרְךְ רֶעדְן קֶען אַ מֶענְטְשׁ מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף אַנְדֶערֶע צוּ טוּן זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן פְּרִיעֶר נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז זֵיי זֶענֶען בְּכֹחַ צוּ טוּן. דָאס רֶעדְן פַארְמָאגְט אַן אוּמְגֶעהוֹיעֶרֶע מַאכְט, אָבֶער דִי שְׁאֵלָה אִיז נָאר פַאר וֶועלְכֶער צִיל מֶען נִיצְט דֶעם כֹּחַ. מֶען קֶען עֶס נִיצְן מְקַרֵב צוּ זַיין אִידְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָדֶער חָלִילָה פַארְקֶערְט, אָפְּצוּקִילְן אוּן קַאלְיֶע מַאכְן מֶענְטְשְׁן.

אִיבֶּערְן הוֹיכְהִילְכֶער אִין לוּפְט-פֶעלְד הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַ מֶעלְדוּנְג אַז דִי פְּלִיגֶער קַיין אוּקְרַיינָא וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט מִיט צְוֵויי שָׁעָה. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעשְׁלֶעפְּט זֵייעֶרֶע רֶענְצְלֶעךְ צוּ אַ זַייט; אַלֶע בֶּענְקֶלֶעךְ זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְכַאפְּט. אֵיין גְרוּפֶּע הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד.

יוֹסִי, אַ שַׂארְפֶער עֶלְף יֶערִיג אִינְגְל, הָאט פַּארְמָאגְט אַ שְׂטַארְקְן כֹּחַ הַדִּיבּוּר. אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ פֶּעסְטְקַייט אוּן קְלָארְקַייט. וֶוען אִימֶער עֶר הָאט גֶערֶעדְט, זֶענֶען אַלֶע שְׂטִיל גֶעוָוארְן אוּן אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט נֵייגֶער, אַיינְזַאפֶּענְדִיג יֶעדֶעס וָוארְט אוּן גֶעדַאנְק וָואס אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל. יֶעצְט, וֶוען יוֹסִי הָאט גֶעהֶערְט דִי מוֹדָעָה, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן אַ טוּמְל אוּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ נֶערְוֶועזְקַייט בַּיי זַיינֶע זֶעקְס חֲבֵרִים וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם אִים: נָתִי, שְׁמוּאֵל, אִיצִיק, נַחְמָן, צְבִי, אוּן נַחְמָן יוֹנָתָן. יוֹסִי הָאט זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען כְּאִילוּ עֶר אַלֵיין פִירְט דִי פְּלִיגֶער: "אִיר וֵוייסְט וָואס עֶס קֶען דָא פַּאסִירְן? זֵיי קֶענֶען אָפְּשְׁטוּפְּן דִי רַייזֶע פַאר נָאךְ אַכְט שָׁעָה; עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט זֵיי נִישְׁט גָארְנִישְׁט. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען אַהֵיים. וָואס מֵיינְט אִיר, צְוֵויי שָׁעָה אִיז בַּיי זֵיי גָארְנִישְׁט. מִיר וֶועלְן דָא וֶוערְן הוּנְגֶערִיג; וִויפִיל עֶסְן הָאבְּן מִיר שׁוֹין דֶען?"

דִי תְּמִימוּת'דִיגֶע חֲבֵרִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן אוֹיסְגֶעהֶערְט, זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן

המשך אויף זייט 14